Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

הײנט 8 זײטען

NAJER FOLKSBLAT

פרײז 15 גראשען

# נײער פאלקסבלאט

№ 294 | Łódź, Wtorek, 23 grudnia 1930 r. | אכטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג ג׳ טבת תרצ״א | № 294

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# אויספארשונג וועגען מעשה-בריסק

# זאל מארשאל פילסודסקי האבן פעראָרדענט

## א קלאנג וואס ווערט אבער אפיציעל נאך נישט בעשטעטיגט

וואַרשאַ, 22. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) א פוילישע אָוונד-בלאַט האָט נעכטען אָוונד אַרויסגעגעבען אַן עקסטרא-אויסגאַבע מיט דער ידיעה, אַז מארשאל פילסודסקי האָט פון וועג צוגעשיקט אַ אויפפאָדערונג צו פערפיהרען אַן אויספאָרשונג געגען די שולדיגע אין פייניגען די ארעסטירטע דעפוטאטען אין בריסק.

דער פערטרעטער פון קריגס-מיניסטער זאָל האָבען בעאויפטראגט געוואָרען איבערצוגעבען די אויספאָרשונג דעם מיליטערישען פראקוראָר זשעלינסקי.

אָפיציעל ווערט אָבער די דאָזיגע סענסאַציאָנעלע ידיעה נישט בעשטעטיגט.

* * *

וואַרשאַ, 22. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) „א. ב. צ." שרייבט אין אַן אַרטיקעל „די סוּבסטומע ליטעראַטור", וועגען דעם שווייגען פון די פוילישע שרייבער אין דער מעשה בריסק. די, וועלכע רעדען געוועהנליך צומייסטענס, זענען איצט סוּב און שטום געוואָרען. די צייטונג לעגט פאָר, אַז אויב די שריפטשטעלער ווילען אַליין נישט אַרויסטרעטען וועגען דער פראַגע, דאַן זאָלען זיי צושטעהען צו איינער פון די שטימען, וועלכע האָבען זיך שוין געהערט וועגען בריסק, אַזעלכע שטימען זענען געווען צוויי: דער בריף פון די קראַקאווער פראָפעסאָרען און דער בריף פון גענעראַל דאמב-ביערנאצקי („ער לעצטער האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט'ן פּולק. קאסטעק-ביערנאצקי).

## ערדציטערניש אויף פארמאזא

טאָקיאָ, 22. (ספ. טעל.) אויפ'ן אינזעל פאָרמאָזאַ איז פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפאַלע ערד-ציטערניש. די שטאָט אנטעאי איז פערניכטעט. די צאָהל קרבנות איז נאָך נישט פעסטגעשטעלט.

## 400 קרבנות

### פון וואולקאן-אויסברוך

אַמסטערדאַם, 22. (ספ. טעל.) דער וואולקאַן-אויסברוך אויפ'ן אינזעל יאַוואַ האָט ביז איצט געבראַכט 400 קרבנות. מ'רעכענט, אַז די צאָהל אומגעקומענע איז פיל גרעסער.

## אפגעלעגט דעם מוזולמענישע פרא-פאלעסטינא-קאנגרעס

לאָנדאָן, 22. (יט״א טעלעגראַפיש) דער מוזולמענישער „פרא פאַלעסטינא"-קאָנגרעס, וואָס האָט דאָ געזאָלט היינט זיך עפענען איז אָפּגעלעגט געוואָרען אויף סוף יאַנואַר. דער דאָזיגער קאָנגרעס האָט געזאָלט דעמאָנסטרירען לטובת די אַראַבער און געגענווירקען די אונטערהאַנדלונגען צווישען דער ענגלישער רעגירונג מיט דער יודישער אַגענץ, אַ רייה אַראַבישע פיהרער זענען צוריקגעפאָהרען קיין א״י, וואו זיי ווילען פאָדערען פון דער רעגירונג אַז אַ טייל אויספיהרונגען פונ'ם ווייס-בוך זאָלען שוין באַלד אַדורכגעפיהרט ווערען אין לעבען.

# דירה-געלד וועט געהעכערט ווערען

## אין 3 וואכען ארום טראגט די רעגירונג אריין דעם געזעץ-פראיעקט אין סיים

וואַרשאַ, 22. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) פון אַ מאַסגעבענדע קוועלע גיט מען איבער, אַז אַלע ידיעות פון די סאַנאַציע-צייטונגען, אַז דאָס דירה-געלד וועט נישט געהעכערט ווערען, שטעלען זיך אַרויס פאַר נישט ריכטיג.

אין 3 וואָכען אַרום טראגט די רעגירונג אַריין אין סיים איהר געזעץ-פראיעקט וועגען העכערען ס'דירה-געלד שוין פון 1. מערץ 1931.

די העכערונג וועט פערוועגדעט ווערען פאַר אַ בוי-פאָנד צו בויען הייזער.

דער אָנפיהרער פון דאָזיגען פאָנד וועט זיין מאַראַטשעווסקי.

## פינאנץ-זיצונגען פון דער יודישער אגענץ

לאָנדאָן, 22. (יט״א טעלעגראַפיש) נאָכדעם ווי דער אייראָפּעאישער דירעקטאָר פון „דזשאינט" ד״ר קאָהן איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע, וועט זיך מאָרגען אין בערלין אָנהויבען די זיצונג פון דער פינאַנץ-קאָמיסיע ביי דער יודישער אַגענץ.

# אפגעשטעלט די איינוואנדערונג קיין ארגענטינע

## אפיציעלער קאמוניקאט פון ארגענטינער קאנסול

וואַרשאַ, 22. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) דער אַרגענטינער קאָנסול אין וואַרשאַ האָט נעכטען פערעפענטליכט אַן אָפיציעלען קאָמוניקאַט אין וועלכען עס ווערט מיטגעטיילט, אַז צוליב'ן הערשענדען קריזיס אין אַרגענטינע ווערט אָפּגעשטעלט די איינוואַנדערונג קיין אַרגענטינע אויף אַן אומבעשטימטער צייט.

די אַלע פערזאָנען, וועלכע האָבען שוין ערלויבנישען צו פאָהרען קיין אַרגענטינע, וועלען דאַרפען צאָהלען פאַר אַ וויזע 288 זל.

## אראבער ווילען ווייטער פראוואצירען אונרוהען

ירושלים, 22. (יט״א טעלעגראַפיש) די אַראַבער זוכען צו פּראָוואָצירען קאָנפליקטען און אַרויסרופען אונרוהען. נאָכ'ן קאָנפליקט אין כפר יהושוע האָבען זיי אַן ענליכען קאָנפליקט אַרויסגערופען אין „גן שמואל", וואו אַראַבישע משפחות ווילען נישט פערלאָזען דעם יודישען באָדען, אַן ענליכער פאַל איז אויך פאָרגעקומען אין „הרצליה". טראָץ דעם ווילען פון די אַראַבער, צו פּראָוואָצירען, האָבען די קאָנפליקטען געהאַט אַ רוהיגען פערלויף.

# א מיליאן דאלאר פאר ארבייטסלאזע

## 7 מיליאן ארבייטסלאזע אין אמעריקא

וואַשינגטאָן, 22. (ספ. טעל.) לויט די אויסרעכענונגען פון פרעזעס פון דער אַלגעמיינער אַרבייטער פעדעראַציע אין אַמעריקע געפינען זיך איצט אין די פעראייניגטע שטאַטען 4,800,000 אַרבייטסלאָזע, אין דער צאָהל געהען נישט אַריין נישט די לאַנד-אַרבייטער, נישט די אַנגעשטעלטע, ס'איז וואָהרשיינליך, אַז אין אַמעריקע זענען איצט דאָ ביז 7 מיליאָן אַרבייטסלאָזע.

ניו-יאָרק, 22. (ספ. טעל.) דזשאָן ראָקפעלער האָט געשפענדעט לטובת די אַרבייטסלאָזע אַ מיליאָן דאָלאַר. אַנ'אַנדער מיליאָנער — עדוואַרד האַרקנעס האָט געגעבען אַ האַלבען מיליאָן דאָלאַר.

טשיקאַגאָ, 22. (ספ. טעל.) דער סענאַטאָר וועלש האָט אַריינגעטראָגען אַ פראיעקט איינצופיהרען אַלס פראָבע אויף אַ יאָהר צייט אַ 5-טאָגיגע אַרבייטסוואָך אין די מלוכה-אַנשטאַלטען, די בעאַמטע וואָלטען בעקומען דיזעלבע פענסיעס, מ'וואָלט אָבער געקאָנט צונעהמען אַ רייה נייע אַרבייטער, און בעאַמטע.


מאשין-מצות
ווערט געבעקען אַלע טאָג פרישע און דינע
ווי אויך מצה-מעהל, אייער-פע-פעל
און סוכאַרקעס לויט קאַרלסבאַדער סיסטעם
מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אינזערע גוט-בעקאַנטע און פרישע נעביצקע'ס פון אונזער
איבעראַל בעוואוסטער צוקערניע
ב. ווײנבערג
38 פעטריקאווער 38
:-: טעל 143-82 :-:



די עלעגאנטסטע וויינאכטס-פרעזענט
איז א שעהנע פערפום-באמבאניערקע איינגעהויפט
איז דער גוט-בעקאנטער
פערפומעריע י. דרוקער, זאוואדזקא 5
דאו געפינט זיך דער רייכסטער אויסוואהל פון די נייעסטע
קאסמעטישע ארטיקלען
פערפומען, טואלעט-זייפען, פודערן, קעלנישע, בלומען-וואסערן
צו אויסנאהמס-פרייזען
Perfumerja J. DRUKIER, Zawadzka 5, tel. 175-92 מיט אכטונג
איך עמפפעהל זיך דער געעהרטער קונדשאפט.

# !אויף די ווייהנאכטען

# קאנסום

## ביי דער ווידזעווער מאנופאקטור

## 54 ראקיטשינער 54

צופאהר מיט די טראמוואיען 10 און 16

עמפפעהלט צו סענסאציאנעל בילינע פרייזען, כדי יעדער
זאל קענען קויפען א יום-טוב-פרעזענט פאר זיך און אנדערע

## רעשטלעך, סעקונדא,
## בראק, בארכאנען, פלאנעלן

## און אנדערע ארטיקלען פון בעקאנטער גוטסקייט

אויסארבייטונג פון דער

## ווידזעווער מאנופאקטור

| | | |
|---|---|---|
| **דאמען-שטאפען**<br>וואלענע אין אלע פאלירען און מוסטערן פאר א מעטער<br>פון 3.45 | **באטען**<br>די נייעסטע פאסאנען אין גרויסן אויסוואל צוזאמען מיט א צושוטצער (ochraniacz)<br>פון 4.80 | **פארהאנגען**<br>אין שעהנע מוסטערן<br>פון 0.90 |
| **דאמען-פאלטענס**<br>לעצטע נייהייטען אין א גרויסן אויסוואהל<br>פון 43.70 | **TWEED**<br>אין די נייעסטע מוסטערן און פאלירען פאר א מעטער<br>פון 5.90 | **מענער-שטאפען**<br>די נייעסטע מוסטערן אין פערשידענע סארטען<br>פון 6.90 |
| **דאמען-וועש**<br>העמדער ווייסע און פאלירטע אין א רייכן אויסוואהל<br>פון 2.45 | **וואלענע Georgetta**<br>אין די מאדערנסטע פאלירען<br>פון 6.50 | **אנציגער און הערן-פאלטענס**<br>מאדערנער שניט.<br>פון 57.50 |
| **דאמען-ספארט-לאקירקעס**<br>אין א גרויסן אויסוואהל<br>פון 22.– | **טישטיכער און קאפען**<br>גאבעלין, גרויסער אויסוואהל פון מזרח-מוסטערן<br>פון 14.– | **קראוואטען**<br>די נייעסטע מוסטערן אין א גרויסן אויסוואהל<br>פון 1.75 |

אונזערע אבטיילונגען זענען אפען היינט, דינסטאג, ד. 23/XII ביז 9 א זייגער אוונד
מארגען, מיטוואך, ד. 24/XII ביז 6 א זייגער אוונד

אבאנעמענט-פרייז: פאר'ן טעקסט—18 גר. פריטאג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפאלטען
אין טעקסט—40 . . . . . 60— . . . . 4 .
נאכ'ן טעקסט—12 . . . . . 18— . . . . 8 .
[illegible] פאר א מילימעטער-שורה
[illegible] 50 פראצ. טייערער. אויסל. 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. א [illegible]

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז — 5 זל. א חודש מיט צוטראגען א היים; אויף דער פראווינץ 6 זל.
א חודש; אין אויסלאנד — 8 זל.
פאר'ן אינהאלט און מערטיקעט די אנאנסען אין דער פארלאג ניט פאראנטווארטליך
די אדמיניסטראציע איז אפען ביי טאג און ביינאכט.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat". Piotrkowska 7[illegible]